## קאַפּיטל צוויי

1 דערפֿאַר ביסטו, אָ מענטש, ווער דו זאָלסט נישט
זיין, וואָס משפּטסט, אָן אַן אויסרייד; וואָרום מיט
וואָס דו משפּטסט דעם אַנדערן, פֿאַרמשפּטסטו דיך
אַליין, ווייל דו, וועלכער משפּטסט, טוסט די דאָזיקע
2 זאַכן; און מיר ווייסן אַז ג־טס משפּט איז לויט דעם
3 אמת אויף די, וואָס טון די דאָזיקע זאַכן. צי
מיינסטו דען, אָ מענטש, וואָס משפּטסט די, וואָס
טון די דאָזיקע זאַכן און טוסט זיי אַליין, אַז דו
4 וועסט אויסמיידן ג־טס משפּט? אָדער ביסטו מבֿזה
די עשירות פֿון זיין גוטסקייט, געדולד און
לאַנגמוטיקייט, נישט ווייסנדיק, אַז די גוטסקייט
5 פֿון ג־ט זאָל דיך פֿירן צום תּשובֿה טון? דו אָבער,
לויט דיין האַרטקייט און דיין נישט־תּשובֿהדיקן
האַרץ, זאַמלסט דיר איין צאָרן אינעם טאָג פֿון צאָרן
6 און אַנטפּלעקונג פֿון ג־טס גערעכטן משפּט, וואָס
וועט יעדן פֿאַרגעלטן לויט זיינע מעשׂים: (משלי כד, יב)
7 צו די, וואָס זוכן מיט סבֿלנות דורך מעשׂים טובֿים—
8 הערלעכקייט, כּבֿוד און אומשטערבלעכקייט, אייביק
לעבן; אָבער צו די ווידערשפּעניקע און וואָס זענען
אומגעהאָרכזאַם צום אמת נאָר זענען געהאָרכזאַם צו
9 רשעות—צאָרן און גרימצאָרן; ליידן און אַנגסט אויף
יעדן מענטשלעכן נפֿש, וואָס טוט שלעכטס, קודם־כּל
10 דעם ייִד און אויך דעם גריך. אָבער הערלעכקייט און
כּבֿוד און שלום צו יעדן, וואָס טוט גוטס, קודם־כּל
11 דעם ייִד און אויך דעם גריך; וואָרום ג־ט איז נישט
12 קיין נושׂא פּנים. (דבֿרים י, יז) וואָרום אַלע, וואָס
האָבן געזינדיקט אָן אַ תּורה,* וועלן אויך אָן אַ תּורה

* ד״ה די גוים.